**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/21/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער קעטי האקול אנאנסירט ניו יארק סטעיט׳ס אנדענק צו דער זיכרון פון דר. מארטין לוטער קינג דזשר. וועט געהערט ווערן אויף ניו יארק׳ס PBS סטאנציעס**

***אנגעפירט דורך גרעמי און עמי געווינענדע ליד-שרייבער / קאמפאזיטאר, קריסטאפער דזשעקסאן פון האמילטאן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט׳ס יערליכע אנדענק צו דער לעבן און זיכרון פון דר. מארטין לוטער קינג דזשר. וועט ווערן פרעזענטירט אלס א בראָודקעסט פארקומעניש, ״ניו יארק סטעיט אנערקענט דר. מארטין לוטער קינג דזשר.: ׳אָפּאָרטוניטי ענד פראָמיס׳״, וואס וועט געזען ווערן אויף PBS סטאנציעס לענגאויס ניו יארק אנגעהויבן MLK וויקענד און סטרימינג ביי [empirestateplaza.ny.gov/nyking](empirestateplaza.ny.gov/nyking).

דער איין-שעה׳יגער אנדענק פון דר. קינג שטעלט פאר מענטשן און ארגאניזאציעס פון לענגאויס ניו יארק סטעיט וועלכע פארקערפערן אין זיך די פרינציפן פון איינע פון אמעריקע׳ס מערסט באדייטנדע פירער פאר סאציעלע יוסטיץ, פרייהייט, און גלייכבארעכטיגקייט. פראגראם צייטן וועלן זיך ווענדן אויפ׳ן ראיאן, און צוקוקער ווערן געמוטיגט נאכצוקוקן זייער ארטיגע טעלעוויזיע ליסטעס.

״דר. מארטין לוטער קינג דזשר. האט געגעבן זיין לעבן צו קעמפן פאר גלייכבארעכטיגקייט און זיין זיכרון גייט אן וייטער צו דינען אלס א טרייב-כוח פאר אומצאליגע אמעריקאנע וואס זוכן א מער יושר׳דיגע, מער ריכטיגע געזעלשאפט,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״היי-יאר וועט ניו יארק פארערהן דר. קינג׳ס זיכרון דורך מוזיק און קונסטווערק. איך לאדן אייך אלע אנצודרייען דעם קנעפל און מיטלעבן דעם אייגנארטיגן פארשטעלונג וואס וועט אונז נישט נאר אויסלערנען אונזער פאראנגענהייט, נאר עס וועט אויך אינספירירן דעם קומענדיגן דור פון פירער צו בויען א בעסערע וועלט.״

**NYS אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס עקטינג קאמיסיאנערין דזשענעט מוי האט געזאגט,** ״יעדעס יאר שטעלט זיך אפ ניו יארק סטעיט צו פארערהן און אנערקענען דעם לעבן און זיכרון פון דר. קינג דורך די מוזיק און געשיכטעס פון טאלאנטפולע גרופעס און יחידים וועלכע נעמען ארום זיינען לערנונגען פון אייניגקייט און גלייכקייט. דער אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס שטאלצירט זיך צו פראדוצירן נאך א זעעוודיג-אינספירירנדער פראגראם, ארויסהייבנדיג וואס עס באדייט פאר אונזער געזעלשאפט ווען עס איז פאראן גלעלגנהייט און פאטענציעל פאר יעדן. איך שטיי אינאיינעם מיט גאווערנער האקול אין מוטיגן ניו יארקער צו קוקן דעם פראגראם און זיך ווידער-אונטערנעמען צו האלטן ביים לעבן דר. קינג׳ס טרוים.״

**WMHT סי-אי-או ראבערט אלטמאן האט געזאגט,** ״עס פריידט אונז ווידעראמאל מיטצוטיילן דעם אנדענק מיט ניו יארקער לענגאויס דעם סטעיט דורך זייערע פובליק טעלעוויזיע סטאנציעס. דער פראגראם גיבט אונז אלע א וויכטיגע געלעגנהייט זיך צו באקלערן אויף די אנטשלאסנקייט וואס עס פאדערט צו ערגרייכן דעם טרוים אויף וואס דר. קינג האט געווידמעט זיין לעבן.״

דער היי-יעריגער פראגראם, אנגעפירט דורך קריסטאפער דזשעקסאן, וועט נעמען צוקוקער אויף א ווירטועלע באזוך איבער ניו יארק סטעיט.

קריסטאפער דזשעקסאן איז א גרעמי און עמי געווינענדע ליד-שרייבער / קאמפאזיטאר און איז אויך א טאוני-געווינענדע אקטיאר מערסט באקאנט פאר'ן שפילן דעם פיגור פון דזשארדזש וואשינגטאן אין דעם פיל-געלויבטער און פרייז געווינענדער בראדוועי מוזיקאל "האמילטאן". מען קען אים איצט זען אלס שטערן פון דעם פאפולערן CBS דראמאטישע פארשטעלונג "בול" און לעצטנס געענדיגט שפילן א באגרעניצטע לויף פון "פריסטייל לאַוו סופרים" אויף בראדוועי. ער האט אויך געשפילט אין אווא דואווערניי'ס 'נעטפליקס' מיני-סעריע "ווען דעי סי אַס".

דורך די אויגן פון ניו יארקער פון סירעקיוס ביז פאקיפסי, סקענעקטעדי ביז לאנג איילענד, פאקסירט דער פראגראם אויף דר. מארטין לוטער קינג דזשר.'ס לעבן און טרוימען מיט מוזיק, קונסטווערק, און באגייסטערנדע דערציילונגען וועלכע שפיגלען אפ די געלעגנהייטן און פאטענציעל פון אונזערע ניו יארקער מיט-בירגער.
עטליכע פון דעם שאוי'ס הויכפונקטן נעמען אריין:

- א ספעציעלע 'מארטין לוטער קינג דזשר. דעי' מעסעדזש פון ניו יארק סטעיט גאווערנער קעטי האקול.
- א פראגראם איבער דאס פייערן פון 'פינקסטער', א האלאנדישער רעליגיעזע אפהיטונג וואס סיי פארשקלאפטע און סיי פרייע אפרא-אמעריקאנער האבן טראנספארמירט אויף א צייט זיך צו פרייען מיט אפריקאנע קולטור אין ניו יארק סטעיט דורכאויס דער קאלאניעל תקופה.

- באגייסטערנדע פארשטעלונגען פון לענגאויס דעם סטעיט, אריינגערעכנט אן ארגינעלע קאריאגראפירטע טאנץ דורך יא'מאליק און די סטודענטן פון דער קאנסערוואטאריע פון טאנץ ביי פורטשעיס קאלעדזש, לידער דורך דער 2022 דר. מארטין לוטער קינג דזשר. אנסאמבל און קינדער'ס אנסאמבל פון דער קאפיטאל ראיאן, און דער אוניווערסיטעט ביי אלבאני מארש-קאפעליע.
- א דערציילונג איבער SNUG, א גאַן-גוואלדטאט רעדוקציע איניציאטיוו אויף לאנג איילענד וועלכע באשעפטיגט הויכע-ריזיקירטע יחידים אויף די גאסן.
- א פראפיל פון טאלאנטפולע שעף און רעסטוראנט אייגנטימער ברענדאן וואלקער, וועמענס אלוועלטליכע טעם און פאמיליעווארצלען באאיינפלוסן דער הודסאן וואלי קולינערישע סצענע.
- א קוק אויף א באשיידענער אינער-שטאטישער באקסינג קלוב אין סקענעקטעדי וועלכע גיבט ערנערונג פאר די לעבנס פון יוגנטליכע אין זייער קאמיוניטי, סיי אינדערינען אין דעם באקסינג רינג און סיי אינדרויסן דערפון.

א יעדער ווערט געלאדנט צו דרייען דעם קנעפל אויף זיך צו לערנען מער איבער ניו יארקערס וועלכע לעבן זייערע לעבנס אין דער געשטאלט פון דר. קינג.
אין צוגאב צו די פארשטעלונגען, ווערן מענטשן געלאדנט צו זען דעם ניו יארק סטעיט דר. מארטין לוטער קינג דזשר. סטודענט קונסטווערק און עססיי אויסשטעלונג, וועלכע פיגורירט איינגעגעבענע ווערק פון K-12 סטודענטן לענגאויס דעם סטעיט וועלכע זענען באאיינפלוסט דורך דר. קינג'ס זעקס פרינציפן פון פארמיידן גוואלדטאט. די ווירטועלע גאלעריע וועט מען קענען זען ביי
empirestateplaza.ny.gov/nyking פון יאנואר 17 צו פעברואר 28.

אויך זענען עטליכע סערוויס-פארבינדענע פראגראמען זענען געהאלטן געווארן יעדעס יאר דורך ניו יארק סטעיט אויף אויסצופאלגן דר. קינג'ס בליק פאר קאמיוניטי. די רעכענען אריין דער דר. מארטין לוטער קינג דזשר. עסנווארג אפיעל איבער'ן סטעיט, געהאלטן דעצעמבער 12, 2021 ביז פעברואר 11, 2022

און דער דר. מארטין לוטער קינג דזשר. בוך אפיעל איבער'ן סטעיט, געהאלטן פעברואר 21 ביז אפריל 22, 2022.

*אין צוגאב צו זען אפציעע אויף PBS סטאנציעס איבער'ן סטעיט,* "ניו יארק סטעיט אנערקענט דר. מארטין לוטער קינג דזשר.: 'אָפּאָרטוּניטי ענד פראָמיס'" וועט מען קענען זען אנגעהויבן 10 צופרי אום יאנואר 17 ביי [empirestateplaza.ny.gov/nyking](empirestateplaza.ny.gov/nyking).
פאר ניו יארק PBS מיטגלידער סטאנציע פראגראם אפדעיטס און צוגעגעבענע אינפארמאציע, ביטע באזוכט [empirestateplaza.ny.gov/nyking](empirestateplaza.ny.gov/nyking), און פאלגט נאך @NYSMLK אויף פעיסבוק און טוויטער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418